**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/29/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול, מאיאריטעט פירער שומער, סענאטארשע דזשיליבראנד אנאנסירן אז ניו יארק סטעיט וועט באקומען 100 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער צו אויסברייטערן די אינטערנעט סערוויס אינפראסטרוקטור און צושטעלן אינטערנעט פון א הויכע קוואליטעט פאר 100,000 פאמיליעס און היימער אריבער די עמפייער סטעיט וועלכע האבן נישט גענוג סערוויס**

***פינאנצירונג קומט פון דעם אמעריקאנער רעטונג פלאן'ס 10 ביליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטור פראיעקטן קאסע צו ברענגען שנעלע און אפאָרדעבעל שנעלע אינטערנעט פאר קאמיוניטיס אין שטעטלישע און שטאטישע קאמיוניטיס וועלכע האבן א מאנגל אין קריטישע סערוויס***

***האקול, שומער, דזשיליבראנד: אמעריקאנער רעטונג פלאן גיבט א גרויסע שטוף פאראויס פאר די באמיאונגען צו אנפילן די דיגיטאלע לאך אין NYS***

גאווערנער קעטי האקול, פאראייניגטע שטאטן סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס ע. שומער און פאראייניגטע שטאטן סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האבן היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט וועט באקומען 100 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג פון די פאראייניגטע שטאטן טרעזשורי דעפארטמענט דורך דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן' (American Rescue Plan) צו פארברייטערן שנעלע אינטערנעט. דאס איז די גרעסטע געציהלטע אינוועסטירונג אין אינטערנעט פארבינדונג אין הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן אין דעם לאנד. ניו יארק שאצט אז די געלטער וועלן זיי ערלויבן צו פארבינדן 100,000 היימער און פאמיליעס צו אפאָרדעבעל, שנעלע אינטערנעט אריבער די סטעיט.

"אפאָרדעבעל, פארלעסליכע אינטערנעט סערוויס צוטריט איז קריטיש וויכטיג צו פארבינדן ניו יארקער מיט ארבעט, בילדונג און רעגירונג סערוויסעס, אבער פאר צופיל פאמיליעס איז דאס נאכאלץ צו שווער צו באקומען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די קריטישע פינאנצירונג צו עפענען די געלעגנהייט פון שנעלע אינטערנעט פאר טויזנטע ניו יארקע טענאנטס וועט ארויפבויען אויף די הצלחה פון אונזער ConnectAll אינטערנעט סערוויס איניציאטיוו בשעת'ן שטיצן די ציהלן פון אונזער פינף-יאריגע פלאן צו אויפבויען און אויפהאלטן מער הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן. א דאנק די ביידן אדמיניסטראציע און ניו יארק'ס סענאט און קאנגרעס דעלעגאציעס, וועט ניו יארק פארזעצן צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד ווען עס קומט צו פארשטאפן די לאך אין דיגיטאלע צוטריט און ביים מאכן אינטערנעט סערוויס אוועילעבעל פאר יעדן."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "100 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער וואס איך האב פארזיכערט אין דעם אמעריקאנער רעטונג פלאן זענען יעצט אויפן וועג צו פארמערן צוטריט צו אינטערנעט פון א הויכע קוואליטעט פאר איבער 100,000 פאמיליעס און היימער אריבער ניו יארק. שוין פון לאנג בעפאר די פאנדעמיע, האבן קאמיוניטיס אריבער אפסטעיט ניו יארק – פון שטעטלישע קאמיוניטיס ביז ווירבלנדע שטאטישע געגענטער – זיך געמוטשעט צו אויפהאלטן אפאָרדעבעל, שנעלע אינטערנעט סערוויס. די פעדעראלע דאלארן וועלן גיין דירעקט פאר די צוועק פון

פארשטאפן די דיגיטאלע לאך, דאס הייסט פארבינדן קאמיוניטיס מיט שיין-באצאלטע דזשאבס, בעסערע העלטקעיר און בילדונג פון א העכערע קוואליטעט אין אונזערע סקולס. איך בין שטאלץ צו ברענגען די גרויסע 100 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו צושטעלן מער גלייכע צוגענגליכקייט צו אינטערנעט סערוויס אריבער די גאנצע סטעיט און העלפן ניו יארקער בליהען אין די היינטיגע דיגיטאלע עקאנאמיע."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו אנאנסירן די 100 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער וועלכע וועלן גענוצט ווערן צו ברענגען שנעלע אינטערנעט פאר טויזנטע און טויזנטע פאמיליעס אריבער ניו יארק סטעיט. דורכאויס די פאנדעמיע האבן מיר געזעהן ווי וויכטיג אינטערנעט סערוויס פון א הויכע קוואליטעט איז פאר ביזנעס, העלט קעיר, סקול און מער. דאס איז די סיבה פארוואס ביים שרייבן דעם אמעריקאנער רעטונג פלאן האבן מיר אריינגערעכנט באדייטפולע פינאנצירונג פאר אינטערנעט סערוויס, א זאך וואס קען שאפן נייע עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן די ווערט פון פראפערטיס און פארבעסערן מענטשן'ס לעבן און געזונטהייט צושטאנד. איך בין באגייסטערט צו ארבעטן מיט דעם ווייסן הויז, מיט פירער שומער און גאווערנער האקול צו מאכן דעם פראיעקט זיך רוקן."

די נייע פעדעראלע אינוועסטירונג קומט פון די 10 ביליאן דאלאר אין די אמעריקאנער רעטונג פלאן'ס אינפראסטרוקטור פראיעקטן קאסע (Capital Projects Fund, CPF), א פראגראם וואס איז אויפגעשטעלט געווארן צו אדרעסירן די שוועריגקייטן וועלכע זענען פארערגערט געווארן דורך די קאוויד-19 פאנדעמיע, באזונדערס אין שטעטלישע ערטער אין אמעריקע, שבט'ישע קאמיוניטיס און קאמיוניטיס מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט שטאפלען. א הויפט פריאריטעט פון די CPF איז צו צושטעלן פינאנצירונג צו העלפן זיכער מאכן אז אלע קאמיוניטיס האבן צוטריט צו מאדערנע אינפראסטרוקטור פון א הויכע קוואליטעט, אריינרעכנענדיג פארלעסליכע, אפאָרדעבעל און שנעלע אינטערנעט סערוויס וואס איז נויטיג צו קענען צוקומען צו קריטישע סערוויסעס. ניו יארק'ס 'אפאָרדעבעל האוזינג פארבינדונג פראגראם' (Affordable Housing Connectivity Program) איז א גרענט פראגראם פאר וועלכע אפליקאנטן דארפן זיך פארמעסטן צו באקומען, אוועקגעשטעלט צו פינאנצירן שנעלע, פארלעסליכע אינטערנעט סערוויס אינפראסטרוקטור צו און אין הייזער געביידעס פון מענטשן מיט נידעריגע איינקונפט. CPF געלטער וועלן גענוצט ווערן צו מאדערניזירן אינטערנעט צוטריט אין אפאָרדעבעל האוזינג יוניטס. די פלאן וואס איז אריינגעגעבן געווארן צו די טרעזשורי און וואס איז היינט באשטעטיגט געווארן איז 29 פראצענט פון די סטעיט'ס צוגעטיילטע סומע אין סך הכל אונטער דעם אינפראסטרוקטור פראיעקטן פינאנצירונג פראגראם. ניו יארק האט אריינגעגעבן פלענער וויאזוי צו אויסנוצן די רעשט פון זייערע אינפראסטרוקטור פראיעקטן געלטער, און די אפליקאציעס ווערן יעצט איבערגעקוקט דורך די טרעזשורי.

די היינטיגע אינוועסטירונג קומט אויך ארויפבויענדיג אויף די היסטארישע פעדעראלע געלטער וועלכע זענען פארזיכערט געווארן אין דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ ( Bipartisan Infrastructure & Jobs Law) וואס האט אריינגערעכנט א רעקארד-הויכע סומע פון 65 ביליאן דאלאר פאר די פארברייטערונג פון שנעלע אינטערנעט צו פארבינדן די וועלכע באקומען נישט גענוג סערוויס, מאכן אינטערנעט אפאָרדעבעל און צושטעלן הילפס-מיטלען מיטן זיך אויסלערנען וויאזוי צו נוצן דיגיטאלע כלים. צוזאמען ארבעטן דער אומפארטייאישער אינפראסטרוקטור געזעץ און די אמעריקאנער רעטונג פלאן האנט ביי האנט צו פארשטאפן די דיגיטאלע לאך — צושטעלנדיג צוטריט צו שנעלע אינטערנעט אין באזייטיגטע קאמיוניטיס און אראפנידערנדיג קאסטן פאר די וועלכע קענען זיך עס נישט ערלויבן.

די געלטער בויען ארויף אויף די היסטארישע פעדעראלע אינוועסטירונגען. ניו יארק, אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, איז געשטאנען אין שפיץ פונעם לאנד ווען עס קומט צום פארשטאפן די דיגיטאלע לאך. לעצטע יאר האט ניו יארק איינגעשריבן איין מיליאן קוואליפיצירנדע הויזגעזינדער אין דעם פעדעראלן אפאָרדעבעל פארבינדונג פראגראם, א נאציאנאלע סאָבסידי צו פארברייטערן אינטערנעט

סערוויס צוטריט פאר פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט. דער פעדעראלער פראגראם – פינאנצירט דורך דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ – גיבט דיסקאַונטס פון ביז אזויפיל ווי $30 א חודש פאר אינטערנעט סערוויס פאר בארעכטיגטע פאמיליעס מיט נידעריגע איינקונפט.

צוזאמען מיט היסטארישע סומעס אין פעדעראלע אינטערנעט סערוויס פינאנצירונג — האט גאווערנער האקול'ס 1.2 ביליאן דאלארדיגע ConnectAll איניציאטיוו געמאכט באדייטנדע אינוועסטירונגען אין די פראצעדור פון מאפע צייכענונגען און זאמלונג פון ציפערן; גרענט פראגראמען צו שטיצן אפענע אינפראסטרוקטור פאר לאקאלע רעגירונגען, שטעטלישע אינטערנעט סערוויס פראיעקטן און צו אויספרובירן נייע געדאנקען פאר דעליווערי פון סערוויס; אינטערנעט סערוויס מאדערניזירונגען אין אפאָרדעבעל האוזינג; רעפארמען צו פארשנעלערן דאס אנהויב פון באנוץ און אוועקנעמען רעגולאטארישע שטרויכלונגען; און די אנטוויקלונג פון א דיגיטאלע גלייכקייט פלאן איבערן סטעיט (Statewide Digital Equity Plan) און דיגיטאלע גלייכקייט גרענט פראגראם ( Digital Equity Grant Program). קאנגרעס האט אריבערגעפירט דעם אינטערנעט סערוויס DATA געזעץ צו בעסער ווייזן וואו ניו יארקער האבן נישט געהאט גענוג אינטערנעט. לעצטע יאר האט די ConnectAll אפיס ערגענצט די פעדעראלע FCC אינטערנעט סערוויס ציפערן דורכן איבערגעבן מער פון 31,000 אדרעסן צו העלפן בעסער אדרעסירן די באדערפענישן פון ניו יארקע קאמיוניטיס וועלכע האבן בכלל נישט אדער נישט גענוג אינטערנעט סערוויס.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "האבן פארלעסליכע, צוגענגליכע און אפאָרדעבעל אינטערנעט סערוויס איז קריטיש פאר אונזער עקאנאמיע און פאר אונזער קוואליטעט פון לעבן. די פעדעראלע פינאנצירונג איז א וויכטיגע באשטאנדטייל פון אונזער ConnectAll פראגראם, און עס וועט פארבינדן אלע ניו יארקער, באזונדערס אין קאמיוניטיס וועלכע זענען אויף א היסטארישן אופן פארגעסן געווארן פון הונטן."

**ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "זייער שנעלע פייבער אינטערנעט – א זאך וואס רוב פון אונז קוקן אן ווי עפעס וואס איז זעלבסט-פארשטענדליך – האבן אויסגעלאזט צופיל ניו יארקער, לאזנדיג א דיגיטאלע לאך וואס די גאווערנער'ס ConnectAll איניציאטיוו וועט העלפן פארשטאפן. די ברייטהארציגע 100 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע גרענט וועט פארשנעלערן די בוכשטאבליכע פארבינדונגען צו 100,000 אפארטמענטס, צושטעלנדיג שנעלע, ביליגערע אינטערנעט פון א הויכע קוואליטעט דירעקט פאר טענאנטס. אפגעזעהן פון אויב א געביידע האט שוין אינטערנעט דראטן, מוטיג איך יעדן אייגנטומער פון אפאָרדעבעל האוזינג וואס טראכט אז זיי קענען מעגליך זיין בארעכטיגט צו קוקן אויף אונזער וועבזייטל צו זעהן אויב זיי קענען באקומען אומזיסטע פייבער-אין-יוניט אינסטאלאציעס, צוגעשטעלט דורך איבערגעקוקטע, קוואליפיצירטע אינטערנעט סערוויס פירמעס."

**ניו יארק סטעיט אסאָסיעישען פאר אפאָרדעבעל האוזינג ( New York State Association for Affordable Housing, NYSAFAH) פרעזידענט און CEO, דזשאָולי מילסטיין, האט געזאגט,** "די אפאָרדעבעל האוזינג אינדוסטריע האט שוין פון לאנג אנערקענט אז עס קען שפילן א קריטישע ראלע ביים פארשטאפן די דיגיטאלע לאך, און די געלטער וועלן אונז העלפן פארווירקליכן די ציהל. ברענגען אינטערנעט סערוויס צו איינוואוינער אן גענוג סערוויס וועלכע זענען טענאנטס פון אונזערע מיטגלידערס'ס געביידעס אריבער די סטעיט איז געווען א וויכטיגע אנגעלעגנהייט פאר די NYSAFAH. מיר באגרוסן די אנאנס איבער די קריטישע הילפס-מיטלען, און מיר קוקן ארויס צו פארזיכערן אז זיי ווערן אינוועסטירט צו צושטעלן פארבינדונג פאר די גרעסטע צאל נויטבאדערפטיגע ניו יארקער וואס איז נאר מעגליך."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418